# לודמיר

הכנסת אורחים לודמיר

פסח

גליון 6

אן אייביגע קשר צום צדיק

געקליבענע עבודות און געדאנקען ממשנתו פון דעם הייליגן צדיק רבי שלמה קארלינער זי״ע

## דער קארלינער פלאם

### די לעבנסגעשיכטע און נקודות פון הייליגן צדיק רבי שלמה קארלינער זי״ע

אין דער פריערדיגער גליון האבן מיר אראפגעברענגט די געשיכטע מיט דעם שכן פון דער רבי זצ״ל ווי אזוי נאך דעם וואס דער איד האט ארויסגעהאלפן דעם רבי׳ן זצ״ל האט דער רבי אים גומל טובה געווען נאך זיין פטירה.

די געשיכטע האט מערערע גירסאות, לעצטער וואך האבן מיר אראפגעברענגט איין גירסא, יעצט וועלן מיר אראפברענגען די גירסא וועלכע שטייט אין ספר ׳שמע שלמה׳.

דארטן ברענגט ער אראפ די מעשה בשם דער ספר ׳מאורות הגדולים׳ און כתבי רבי יאשע בער.

ומעשה שהיה אז בשכינות פון דעם רבי׳ן זצ״ל האט געוואוינט א איד וועלכע האט געמאכט געשעפטן מיט דער פריץ און איז זייער נתעשר געווארן פון דעם.

ביי דעם איד איז מקויים געווארן דער ׳וישמן ישורון ויבעט׳.

מיט זיין עשירות איז מיטגעוואקסן זיין פריקות עול און מיט די יארן איז ער ליידער געווארן א גרויסער בעל עבירה רח״ל.

איינמאל האט זיך געמאכט אז ביי דעם שכן אין שטוב האט מען געקאכט א גוטן געקעכטס, די ריח פון דער געקעכטס האט זיך גוט געשפירט ארום און ארום זיין שטוב, עס איז אנגעקומען צו די קינדער פון דעם רבי׳ן זצ״ל.

די קינדער זייענדיג אויסגעהונגערט און אויסגעמאגערט און שפירנדיג דער ריח פון די גוטע מאכלים איז איין קינד אוועקגעפאלן פון דעם חלשות.

דער איד האט עס געזען און איז געווארן אין כעס. מיט א כעס׳יגער שטומע האט ער זיך אנגערופן אז ער וועט גיין אין שול און אויפזוכן דער טאטע פון דעם איד וואס לאזט זיינע קינדער הונגערן.

״אויב וועט ער זען אז דער איד זיצט און לערנט וועט ער אים צורוה לאזן אבער אויב ער וועט טרעפן אז ער זיצט און בטל׳ט די צייט וועט ער אים אנשלאגן די ביינער״.

אין איין אטעם איז דער איד געלאפן אין שול. אנקומענדיג דארט האט ער געטראפן דעם רבי׳ן שטיין ווארטן אויף אים.

״אויב דו ווילסט מיר שלאגן - שלאג מיר״. האט דער רבי זיך געגעבן א רוף אן צו דעם איד.

דער איד זענדיג אז דער רבי איז א בעל רוח הקודש האט זיך דערשראקן און זיך צוריקגעצויגן.

פון יענער וואך און ווייטער האט דער איד יעדער וואך געגעבן א רענדל פאר די רעביצין ע״ה און פון דעם האט די משפחה זיך געשפייזט א גאנצער וואך.

לימים איז דער איד געשטארבן. מען איז געקומען זאגן פאר׳ן רבי׳ן אז דער איד אז דער איד איז געשטארבן. דער רבי האט געבעטן אז מען זאל אים זאגן ווען די מיטה גייט אריבער פון זיין שטוב.

ווען די לויה איז אריבער נעבן דעם רבינ׳ס שטוב איז מען געקומען זאגן פאר׳ן רבי׳ן אז די מיטה איז שוין דא. דער רבי האט באגלייט די מיטה ביז צום בית החיים.

נאך דעם ווען מען האט אריינגעלייגט אין די ערד האט דער רבי אריינגעשטעקט זיין שטעקן אין די קבר און איז געשטאנען דארט א שטיק צייט.

עס איז געווען א פרייטאג מיטאג, גלייך נאך דעם איז דער רבי אהיים צו זיך אין שטוב אבער ער האט נישט געקענט קומען צו זיך א שטיק צייט.

נאכ׳ן זיין א שטיק צייט פאר׳מח׳ט ער האט זיך געגעבן א רוף אן אז נאך דעם וואס ער האט אריינגעלייגט דעם איד אין די ערד זענען אסאך מלאכי חבלה געקומען צוגיין און אים געוואלט צורייסן אויף שטיקער.

ער האט אריינגעשטעקט זיין שטעקן אין די ערד און די מלאכי חבלה האבן זיך גערוקט אין א זייט.

זיי זענען נישט געווען צופרידן זאגנדיג אז ער מישט זיך אריין אין זייערע זאכן.

״מיר וועלן רופן שלמה בן יוטא צו די בית דין של מעלה״. האבן זיי געזאגט.

מען האט אים גערופן צו בית דין של מעלה און אים פארגעהאלטן הייתכן אז ער מישט זיך אריין אין זאכן וואס געהערן נישט צו אים.

דער רבי האט געענטפערט אז דער איד האט אויסגעהאלטן מיר און מיינע קינדער און מיר ווייסן דאך די חז״ל אז כל המקיים נפש אחת מישראל כאילו קיים עולם מלא און ער האט דאך געראטעוועט מיין משפחה.

אבער די בית דין של מעלה איז נישט געווען צופרידן. זיי האבן גע׳טענה׳ט אז דאס איז נישט קיין תירוץ אויף די עבירות חמורות וואס דער איד האט עובר געווען.

דער רבי האט זיי געענטפערט אז עס שטייט דאך אין צדיק בארץ אשר יעשה טוב ולא יחטא אבער אויב איר וועט טרעפן איין אזא צדיק צי וועט איר נישט אננעמען זיין טענה זיכער אז יא - איך זאגט אז מען זאל אים פטר׳ן פון יעדער סארט עונש.

דער בית דין של מעלה האט נישט געהאט קיין ברירה און מען האט גע׳פטר׳ט דעם איד פון אלע עונשים און אים געלאזט גיין פריי.

## צידה לדרך

### דער באשעפער וויל די קרעכץ אויף טירדות הפרנסה / קורצע אמרות פון רביה״ק זי״ע

איינמאל מוצאי יום הק׳ איז רביה״ק געווען בדיחא דעתיה און זיך אנגערופן צו די תלמידים אז ער קען מגלה זיין פאר יעדן איינעם וואס ער האט געבעטן אין הימל און צי מען האט אנגענומען זיין בקשה צי נישט.

איינער פון די תלמידים וואס איז געווען אנוועזנד האט געבעטן דער רבי זאל אים זאגן וואס ער האט געבעטן און וואס מען האט אים געענטפערט אין הימל. האט דער רבי געזאגט פאר דעם איד אז ער האט מתפלל געווען אז ער וויל אז זיין פרנסה זאל קומען מיט ישוב הדעת, מיט א רואיגקייט, אז ער זאל קענען דינען השי״ת גרינגערהייט.

פון הימל האט מען אים געענטפערט אז מער ווי מען דארף אויבן זיין תורה און זיין תפילה דארף מען די קרעכץ וואס ער גיט אז ער קען נישט דינען השי״ת ווי עס דארף צו זיין - ווייל דאס האט הקב״ה ליב.

## ווארט פון צדיקים

### איבער די ציון הק׳ / אריינגעווארפן דעם קוויטל און אנטלאפן מחמת פחד

אין די רשימות פון דער חסיד רבי מענדל צייליגנאלד ז״ל שטייט פארשריבן איבער זיינע באזוכן ביים ציון הק׳.

ער שרייבט אז צוליב מסחר איז אים אויסגעקומען יאר יערליך צו זיין אין לודמיר אין די טעג צווישן ראש השנה און יום כיפור אבער ער האט זיך קיינמאל נישט געוואגט אריינצוגיין צום ציון הק׳ פון גרויס פחד.

איין יאר איז ער געווען אויף ראש השנה ביי הרה״ק רבי יוחנן זי״ע און ביים זיך געזעגענען האט ער דערציילט אז ער פארט קיין לודמיר און אנגעפרעגט צי ער זאל גיין צום ציון הק׳ אדער נישט.

רבי יוחנן האט אים דערציילט איבער די אויסטערלישע פחד ואימה וואס האט געהערשט ביים זיין טאטע ארויפגייענדיג צום ציון הק׳.

דערציילט ר׳ מענדל אז ער איז געווען אין לודמיר אבער פון גרויס פחד האט ער זיך נישט ערלויבט צו צוגיין צום ציון הק׳.

ער איז אריבער נעבן דעם און אריינגעווארפן א קוויטל פון פענסטער.


על הציון של הקדוש הזה, הוא ממש כמו שעומדים לפניו בחיים חיותו.
(רבי אשר מסטאלין)

צדיקים פון די פריערדיגע דורות האבן מעיד געווען:
אז רבי שלמה בן יוטא קען מבטל זיין אלע גזירות קשות ורעות

דארפט איר א ישועה?
ווילט איר שפירן ווי איר שטייט בצילו פון א צדיק אמת כמו בחיים חיותו?

קומט קיין לודמיר צום ציון פון קודש הקדשים רבי שלמה קארלינער זי״ע

בזכותיה דרבי שלמה בן יוטא ענני

פאר פרטים פון דעם הכנסת אורחים אין לודמיר
רופט: +972-5435-660





# דער שטן וויל נישט אז מען זאל שרייען ביים דאווענען!

זענען די קארלינער חסידים אמאל געזעסן און גערעדט איבער דעם רבי'ן זי"ע ווען מיטאמאל האט א קארלינער איד זיך אנגערופן אז ער האט פאר זיי א מעשה פלא פון דעם הייליגן רבי'ן.

די מעשה האט ער געהערט פון הרה"ק רבי פנחס מאוסטילא זי"ע דער איידעם פון בעלזער רב מהרי"ד זי"ע און די מעשה האט ער געהערט פון זיין גרויסער שווער.

מעשה שהיה אז כידוע איז אין קארלין געווען דער שטייגער אז אלע תפילות זענען געגאנגען מיט א שטארקע התלהבות, מיט א ברען, מיט א פלאקער, די חסידים האבן געמאכט ביים דאווענען קולי קולות.

פאר לאנגע יארן האבן זיך די חסידים אזוי געפירט אבער אין איין געוויסער צייט האט מען געקענט דערקענען אז די קולות ווערן שוואכער אז מער און מער חסידים דאווענען נישט בקול.

ווען די ערשיינונג איז געווארן גרעסער איז מען נאכגעגאנגען די זאך און מען האט געטראפן אז די ווארצלען ציען צו איין איד וועלכער איז לעצטענס געווארן א מיטגליד פון די קהילה.

דער איד, וועלכער האט זיך פארגעשטעלט אלץ איינער וואס וויל זיך אנשליסן אין די הייליגע חברייא האט גענאסן פון גרויס קירבה ביים רבי'ן זצ"ל.

די חסידים זעענדיג ווי אזוי דער רבי איז אים אזוי מקרב האבן זיי אים אויך מקרב געווען. מען האט אים אנגעהויבן ארייננעמען אין די חברותא און גערעדט מיט אים אין תורה, אין חסידות.

עס האט זיך ארויסגעשטעלט אז דער איד א געוואלדיגער תלמיד חכם, א בקי אין אלע סוגיות בש"ס, א בעל הלכה, ער ווייסט אלעס, זיין גאונות איז זייער גרויס.

די חסידים זעענדיג אז ער איז א כלי מלא האבן זיי אים נאך מער מקרב געווען און ביי די חברותא האט מען אים געגעבן צו רעדן און זיך גערעכענט מיט זיינער א ווארט.

דער איד האט אויסגעלויבט די חברייא, ער האט גערעדט איבער די גדלות פון די חבורה, פון די עבודות אבער אויף איין זאך האט ער חולק געווען, אויף די הויכע שרייערי ביים דאווענען.

מיט אן איידלקייט, מיט א רואיגקייט, האט ער דא, דארט, געלאזט הערן זיין מיינונג.

ויסנדיג אז עס וועט נישט גיין אין איין טאג האט ער אנגעהויבן רעדן צו אידן פריוואט איבער די נושא.

נאך א קאכעדיגע דאווענען האט ער עצימבעלט איינער פון די חברייא, ער האט אים געפרעגט צי ער קען אים געבן צו פארשטיין די פשט פון די פירוש המילות פון דאווענען, צי ער פארשטייט יעדער ווארט, יעדער קנייטש.

נישט יעדער האט גלייך געוואוסט די תשובה.

אבער דא איז ער ווי א בייסיגער געקומען צוגיין צו דעם איד, ווארטנדיג אנצוקומען צו די נקודה האט ער אפגעלאכט איידעלערהייט דעם איד.

"אבער דווקא דא, ביי די שטיקל האסטו געשריגן ביים דאווענען. איך בין געווען זיכער אז דו האסט דא אינזינען געהאט גרויסע כוונות. יעצט זעה איך אז דו האסט גארנישט אינזינען געהאט ביי דעם שטיקל".

ביסלעכווייז האבן זיינע ווערטער זיך איינגעגעסן ביים ציבור.

נאך איינער און נאך איינער האט אויפגעהערט צו דאווענען מיט א ברען, די פייער איז געווארן שוואכער.



די אלטע שול פון זאלקאווא היינטיגע צייטן

די חסידים האבן פארשטאנען אז זיין השפעה איז גרויס, זיי האבן מורא געהאט פון אים, אבער מען האט אים נישט געקענט ארויסווארפן פון שול נאך דעם וואס דער רבי האט אים אזוי שטארק מקרב געווען צו אים.

מען האט אים געלאזט אין שול אבער דער בחור האט נישט גערוט.

אין אנהייב האט ער אפגעווארט די אידן וואס האבן געפלאמט ביים דאווענען אויף נאכ'ן דאווענען און זיי געצימבעלט.

יעצט ער איז ארויף א שטאפל, ער האט מער נישט געווארט ביז ווען מען ענדיגט דאווענען, נאר נאך האלטנדיג אינמיטן דאווענען איז ער צוגעגאנגען צו איין איד נאך די אנדערע און אפגעלאכט פון זיינע קולות שטערנדיג די תפילות צוקענען אנגיין.

ווען עס איז געווען כלו כל הקיצין האבן די חסידים באשלאסן אז מען קען מער נישט אנגיין מיט אים. זיי האבן באשלאסן צווישן זיך אז מארגן וועט ער גייט קומען אין שול אריין און זיי שטערן פון דאווענען וועלן זיי אים אנכאפן און ארויסווארפן פון שול.

צומארגענס איז ער ווידער געקומען צוגיין. מיט זיינע שטיק האט ער אנגעהויבן פארדרייען די חסידים א קאפ און זיי געשטערט פון דאווענען.

ווען די חסידים האבן דאס געזען האבן זיי אים געגעבן א כאפ אן און ארויסגעווארפן פון שול שרייענדיג אז ער זאל זיך קיינמאל נישט צוריקקערן אהער.

די חסידים האבן עס געטון מיט א שטארקייט אבער מיט א ציטערנדיג הארץ. זיי האבן מורא געהאט אז נאכ'ן דאווענען גייט ער אריינכאפן א שטארקער פסק פון דעם רבי'ן נאך דעם וואס דער איד איז זוכה צו א שטארקע קירבה ביים רבי'ן.

צום וואונדער האט אים דער רבי שטארקע משבח געווען.

"וויסן זאלסטו אז שוין א לאנגער צייט קוקט דער שטן מיט א שלעכטער אויג אויף אונזער ווינקל. ער זוכט ווי אזוי ער קען עס צושטערן אבער עס גייט אים נישט. ער האט זיך פארשטעלט ווי אן עילוי און איז געקומען אין שול אריין זוכנדיג צושטערן אונזער תפילה, אבער יעצט האסטו אים ארויסגעווארפן זענען מיר פטור געווארן פון אים".

## מיין רייזע קיין לודמיר

### שטריכן פון א געהויבענע נסיעה קיין לודמיר

זייענדיג אונטערוועגנס קיין לודמיר האבן מיר פלוצלונג באמערקט שילדן אז דא געפינט זיך די שטאט זאלקאווא, די שטאט וואו דער הייליגער תבואות שור איז געווען רב.

מיר האבן באשלאסן צו מאכן א קורצער אפשטעל אין די שטאט און לאמיר מיטטיילן וואס מיר האבן געזען דארט.

לאמיר אנהייבן מיט די שול. אין צענטער פון די שטאט שטייט דער אור אלטער שול.

די שול איז שוין אלט א גוטע פאר הונדערט יאר.

עס איז אנגענומען אז דער הייליגער תבואות שור האט געדאווענט אין די שול און אז די ווענט זיינען איינגעזאפט מיט קדושה.

עס איז דא א גירסא אז אויך דער הייליגער בעל שם טוב הק' איז אמאל געווען דא און געדאווענט אין די שול.

אין די וועלט ווערט פארציילט אז דער הייליגער בעל שם טוב הק' האט זייער שטארק געהאלטן פון דער תבואות שור. ביי חסידים איז מקובל אז דער בעשט"ה"ק האט אנגעפרעגט אין הימל אז ער וויל באדינען א תלמיד חכם און געפרעגט ווער איז א תלמיד חכם אין די היינטיגער דור, האט מען אים געזאגט אז דער תבואות שור איז א תלמיד חכם.

נאכ'ן הערן דאס איז דער בעשטה"ק געקומען צופארן קיין זאלקאווא און משמש געווען דער תבואות שור און ביי יענער באזוך האט ער געדאווענט אין יענע שול.

אין דער קומענדיגער מאמר וועלן מיר דערציילן איבער די בית החיים אין די שטאט זאלקאווא.